**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 121.6 מיליאן דאלאר דא צו באקומען פאר באנען און פארט אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די סטעיט**

***געלטער שטיצן פארלעסליכקייט און שטאנדהאפטיגקייט פארבעסערונגען צו צענטראלע האנדל רוטס***

***אפליקאציעס ווערן אנגענומען ביז אקטאבער 6, 2023***

***לערנט מער און אפלייט פאר פינאנצירונג [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 121.6 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג זענען דא צו באקומען דורך דעם 'פאסאנזשיר און פראכט באנען הילף פראגראם' ( Passenger and Freight Rail Assistance Program). דער פראגראם צאלט אויס באנען און פארט פראיעקטן אריבער די סטעיט, פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס האנדל רוטס און איר פאזיציע אלץ א גלאבאלע האנדל דעסטינאציע, בשעת'ן פארשטערקערן די זיכערהייט. אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן ביז אקטאבער 6, 2023.

"אנגייענדע האנדל איז די בלוט אין די אדערן פון אונזער ראיאנישע און סטעיט עקאנאמיע, און אינוועסטירן אין אונזערע האנדל רוטס פארזיכערט אז ניו יארק סטעיט קען ווייטער קאנקורירן אויף א נאציאנאלע און גלאבאלע פארנעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג יעדן איינעם מיט קוואליפיצירנדע פראיעקטן צו אפלייען פאר די געלטער ווייל מאדערניזירן אונזערע פראכט באנען און פארט אינפראסטרוקטור איז קריטיש – נישט נאר פאר די פילע ביזנעסער וועלכע פארלאזן זיך אויף זיכערע, פארלעסליכע האנדל רוטס – נאר אויך פאר די קוואליטעט פון לעבן פון ניו יארקער."

דער פאסאנזשיר און פראכט באנען הילף פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט. די געווינענדע פראיעקטן וועלן אויסגעקליבן ווערן דורך א פראצעדור צו טרעפן די בעסטע אפליקאציעס, און זיי וועלן באקומען א צייכן באזירט אויף אוועקגעשטעלטע קריטעריאנען וואס רעכענען אריין אן אנאליז איבער די בענעפיטן קעגן די קאסטן; ווי שטארק עס האלט זיך צו ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער; די פארשטערקערונג פון זיכערהייט; פאסיגקייט פאר אנדערע פריוואטע און רעגירונג אינוועסטירונגען; און שריט וועלכע פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט און רעדוצירן די אויסגעשטעלטקייט צו קלימאט סכנות.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "פראכט באנען זענען א הויפט באשטאנדטייל פון אונזער סטעיט'ס טראנספארטאציע נעטווארק, און דורכן מאכן די קלוגע אינוועסטירונגען, טוהען מיר באשאפן דזשאבס, פארזיכערן אנגייענדע עקאנאמישע וואוקס און רעדוצירן ניו יארק'ס קארבאן באנוץ דורכן העלפן אראפנעמען טראקס

פון אונזערע שאסייען. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו מאדערניזירן און באפעסטיגן ניו יארק'ס פראכט באן אינפראסטרוקטור, פארזיכערנדיג ניו יארק'ס מעגליכקייט צו קאנקורירן עקאנאמיש."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי, פארזיצער פון די טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** "די וויכטיגקייט פון באן זיכערהייט האט באקומען אויפמערקזאמקייט אין ליכט פון די טראגישע און שעדליכע רעלסן עקסידענט אין איסט פאלעסטיין, אָוהייאָו. די סענאט האט אונטערגענומען ממשיות'דיגע שריט דורכאויס די לעגיסלאטיווע סעסיע צו פארזיכערן אז מיר האבן די שטערקסטע רעלסן זיכערהייט געזעצן אינעם לאנד און אז די סטעיט בודזשעט שפיגלט אפ די איבערגעגעבנקייט דורכן העכערן די צאל באן אינספעקטארס אריבער די סטעיט. די אנאנס פון 121.6 מיליאן דאלאר דורך דעם פאסאנזשיר און פראכט באנען הילף פראגראם איז נאך א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון פארשטערקערטע באן זיכערהייט און אן אנערקענונג פון די ווירדע פון די באנען צו אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם ב. מאגנארעלי, פארזיצער פון די טראנספארטאציע קאמיטע, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיר צו זעהן די אינוועסטירונג אין אונזערע באנען און פארט אינפראסטרוקטור אריבער ניו יארק סטעיט. דער פאסאנזשיר און פראכט באנען הילף פראגראם היט אויף די זיכערהייט, פארבעסערט די האנדל רוּטס און ערלויבט ניו יארק סטעיט זיך צו פארמעסטן אלץ א גלאבאלע האנדל דעסטינאציע."

בארעכטיגטע פראיעקט אקטיוויטעטן רעכענען אריין איבערבויען רעלסן און בריקן; קאנסטרוקציע פון יארדס, טערמינאלן און סיידינג; עלימינירן שטרויכלונגען; קאנסטרוקציע אדער איבערבויאונג פון פלאטפארמעס, דאקס און באָלקהעדס; אויסגראבן אונטער די וואסער; איבערמאכן די אויספלאסטערונג פון פלעצער וואו די גאס גייט אריבער די רעלסן; עקוויפמענט צו פירן מאטעריאלן ביי סטארעדזש איינריכטונגען; דעטעקטארס וועלכע כאפן אויף פראבלעמען און אנדערע פראיעקטן וועלכע פארשטערקערן די זיכערע באוועגונג פון סחורה, עקאנאמישע שטארקייט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס.

די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט וועט אננעמען אפליקאציע בויגנס פאר די פינאנצירונג געלעגנהייט ביז אקטאבער 6, 2023. פראגראם אנווייזונגען און אפליקאציע מאטעריאלן קענען געפונען ווערן אויף: https://www.dot.ny.gov/railgrants

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418